בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת
גליון
פאר'ן שבת טיש

פרשת
ראה
כט מנחם-אב
מברכים חודש אלול
שנת תשפ"א לפ"ק
שנה 2, גליון 33
(48)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב



שַׁבָּת קוֹדֶשׁ [יוֹם חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב] פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, שַׁבָּת נַחֲמוּ, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א; אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה י, מְבֶּערְגִיר וְעָנִי.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

און פַאר דֶעם דְהַיְינוּ פְּרִיר אֵיי דֶער בָּחוּר אִיז אַוֶועק אִיז גִיגַאנְגֶען דִי קֵיסָרְטֶע. און הָאט גִירוּפְן אִיר טָאכְטֶער און זִי הָאט צוּ אִיר אַזוֹי גִיזָאגְט. מַיין טָאכְטֶער. זָאלְסְט וִויסִין אַז דֶעם בֶּערְגֶערְס זוּן עֶר אִיז דַיין חָתָן. און הָאט אִיר דֶערְצֵיילְט גָאר דִי מַעֲשֶׂה וָואס מִיט אִיר הָאט זִיךְ גִיטָאן. און וִוי דֶער בֶּערְגֶער הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גִיוֶוען פוּן מַיינֶעט וֶועגִין. און עֶר אִיז מִיט מִיר גִיוֶוען אִין דִי זִיבִּין עֶרְטֶער (דְהַיְינוּ אִין דִי זִיבִּין עֶרְלֵיי וַואסֶערִין) און אִיךְ הָאבּ אִים אַלֶע מָאל גִישְׁוואוֹירִין בַּיי גָאט אַז גָאר מַיין גוּטְץ זָאל פוּן אִים נִיט זַיין פַארְמִיטִין. און אִיךְ הָאבּ גִינוּמֶען דִי זִיבִּין עֶרְטֶער צוּ עֵדוּת (דְהַיְינוּ דֶעם גְרוּבּ און דִי מִקְוֶה און דִי אַלֶע אִיבְּרִיקֶע זִיבִּין אִירְלֵיי וַואסֶערִין) בְּכֵן הַיינְט. בִּיסְטוּ זִיךְ גָאר מַיין גוּטְץ און גָאר מַיין מַזָל און מַיין גְלִיק. בִּיסְטוּ בְּוַדַּאי זַיין. און זַיין זוּן עֶר אִיז דַיין חָתָן. און דַיין טַאטֶע מַחְמַת זַיין גַדְלוּת וִויל עֶר אִים הַרְגֶענֶען אוּמְזִיסְט. און אִיךְ הָאבּ מִיךְ שׁוֹין מִשְׁתַּדֵל גִיוֶוען אִים מַצִיל צוּ זַיין. און אִיךְ הָאבּ גִיפּוּעֶלְט אַז מִזָאל אִים לָאזִין. עַל כֵּן. זָאלְסְטוּ וִויסִין אַז עֶר אִיז דַיין חָתָן (דְהַיְינוּ דֶעם בֶּערְגֶערְס זוּן) און דוּ זָאלְסְט נִיט וֶועלִין קֵיין שׁוּם אַנְדֶערִין חָתָן אִין דֶער וֶועלְט.

הָאט דִי טָאכְטֶער צוּ גִינוּמֶען דֶער מוּטֶערְס רֵייד. וָוארְן זִי אִיז אוֹיךְ גִיוֶוען אַ יִרְאַת שָׁמַיִם. און זִי הָאט גִיעֶנְפֶערְט דֶער מוּטֶער. אַז זִי וֶועט בְּוַדַּאי הַאלְטִן אִירֶע רֵייד. אִיז גִיגַאנְגֶען דִי טָאכְטֶער. און הָאט גִישִׁיקְט אַ כְּתַב צוּם דֶעם בֶּערְגֶערְס זוּן אִין דֶער תְּפִיסָה אַרַיין. אַז זִי הַאלְט זִיךְ אִין אִים. און עֶר אִיז אִיר חָתָן. און זִי הָאט אִים גִישִׁיקְט אַזוֹי וִוי אַ שְׁטִיק לַאנְד קַארְט. און זִי הָאט דְרוֹיף אוֹיס גִימָאלְט אַלֶע עֶרְטֶער וָואס דִי מוּטֶער אִירֶע הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטִין מִיט זַיין פָאטֶער. וָואס זֵיי זֶענֶען דִי זִיבִּין עֵדוּת. דְהַיְינוּ דֶער גְרוּבּ און דִי מִקְוֶה און דִי אִיבְּרִיקֶע כַּנַ"ל. דְהַיְינוּ זִי הָאט דְרוֹיף אוֹיס גִימָאלְט אַזוֹי וִוי אַ גְרוּבּ און אַזוֹי וִוי אַ מִקְוֶה און אַזוֹי דִי אִיבְּרִיקֶע זִיבִּין אִירְלֵיי וַואסֶערְן. און זִי הָאט אִים זֵייעֶר אָנְגִיזָאגְט. אַז עֶר זָאל דָאס כְּתַב זֵייעֶר זֵייעֶר הִיטִין. און זִי הָאט זִיךְ אוּנְטְן אוּנְטֶער גְחַתְמֶ'ט.

דֶערְנָאךְ אִיז אַזוֹי גִיוֶוען כַּנַ"ל. דִי מְמוּנִים הָאבִּין גִינוּמֶען אֵיין אַנְדֶערִין מֶענְטְשְׁן. און אִים הָאבְּן זֵיי גִילָאזְט. אִיז עֶר זִיךְ אַוֶועק גִיגַאנְגֶען. און עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען און גִיגַאנְגֶען בִּיז עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּם יַם. הָאט עֶר זִיךְ גִיזֶעצְט אוֹיף אֵיין שִׁיף און אִיז אַוֶועק אוֹיף דֶעם יַם. אִיז אָנְגִיקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער שְׁטוּרֶעם וִוינְט. און הָאט אַוֶועק גִיטְרָאגִין דִי שִׁיף צוּ אֵיין בָּארְטִין וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען מִדְבָּר (דְהַיְינוּ וִויסְט) און מַחְמַת דֶעם גְרוֹיסִין אִימְפֶּעט אִיז דִי שִׁיף צוּ בְּרָאכִין גִיוָוארִין נָאר דִי מֶענְשְׁן פוּן דֶער שִׁיף זֶענֶען נִיצוֹל גִיוָוארִין און זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס אוֹיף דֶער יַבָּשָׁה.

און דָארְט אִיז גִיוֶוען מִדְבָּר זֶענֶען דִי מֶענְשִׁין פוּן דֶער שִׁיף גִיגַאנְגֶען זִיךְ זוּכִין עֶפֶּעס עֶסִין. אִיטְלִיכֶער הָאט זִיךְ גִיזוּכְט עֶפֶּעס עֶסִין. וָוארִין

<<<

## חִינוּךְ ווִינְקֶל
מַסֶּכֶת יוֹמָא דַּף ט' [חֵלֶק ב]

### קוּקְן גוּט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן

מֶען זֶעט דָא אִין דִי גְמָרָא אַז בַּיי דִי צְוֵוייטֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר חָשׁוּבֶ'ע אִידְן אָבֶּער עֶס הָאט נִישְׁט גֶעהֶערְשְׁט קַיין לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן זִיךְ, דַארְף מֶען דָאס זֶען צוּ פַארְרֶעכְטְן, מֶען דַארְף זֶען וָואס קֶען אִיךְ טוּן פַאר אַ צְוֵוייטְן, וָואס קֶען אִיךְ הֶעלְפְן דֶעם צְוֵוייטְן, וָואס קֶען אִיךְ קוּקְן גוּט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

בִּפְרָט דִי הוֹיפְּטְן, דִי וָואס טוּעֶן מִיט אַנְדֶערֶע, דַארְפְן נָאךְ מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט דָא אַז בַּיי דִי עֶרְשְׁטֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז גֶעוֶוען בַּיי דִי נְשִׂיאִים 'שִׂנְאַת חִנָּם'; אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר אַ בָּחוּר: "דוּ קֶענְסְט נָאר הֶעלְפְן אוֹיבּ דוּ טְרֶעטְסְט אוֹיף אַנְדֶערֶע?!" יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען הֶעלְפְן, און אַז יֶעדֶער וֶועט הֶעלְפְן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן עֶס וֶועט זַיין דָא שֵׁיינֶע זַאכְן.

### וֶוער נִישְׁט קַיין שׂוֹנֵא יִשְׂרָאֵל

מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וִויל קוּמֶען דָא אוֹיף דֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה, אוֹיבּ עֶס אִיז מֶעגְלִיךְ וִויל אִיךְ בֶּעטְן אַלֶע אַיינְוואוֹינֶער מֶען זָאל עֶפֶענֶען דִי טִירְן פַאר אַלֶע גֶעסְט וָואס וִוילְן קוּמֶען מִיטְהַאלְטְן דֶעם יוֹם טוֹב אִינְאֵיינֶעם, סְתַּם אַ שַׁבָּת וֶוען אִיךְ קוּם - קֶען מֶען נִישְׁט צֶעדְרוּקְן אַ מִשְׁפָּחָה, מֶען אִיז נִישְׁט מְחוּיָּב אַרַיין צוּ נֶעמֶען קַיין גֶעסְט, מֶען אִיז אִיבֶּער גֶעשְׁטְרֶענְגְט, אָבֶּער אוֹיף שָׁבוּעוֹת וִויל אִיךְ בֶּעטְן מֶען זָאל אַרַיינְנֶעמֶען אַלֶע גֶעסְט וָואס קוּמֶען. אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ הַיינְט גֶעזָאגְט פַאר ... נֵרוֹ יָאִיר, נָאךְ אַבִּיסְל קוּמְט דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אַרוֹיס צוּ דִי בֶּערְג, שְׁרֵיי נִישְׁט: "גֵיי צוּרִיק קַיין בְּרוּקְלִין!" "גֵיי צוּרִיק קַיין בְּרוּקְלִין!" וֶוער נִישְׁט קַיין שׂוֹנֵא יִשְׂרָאֵל.

### קִיאַסְק

אוֹיךְ זוּךְ אִיז יֶעצְט אַ נַייעֶ פְּלַאץ וואוּ צוּ פְּלַאצִירְן דִי קִיאַסְק; וֶוען מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן פוּן אַ שְׁטֶעטְל, הָאבּ אִיךְ דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ גֶעזָאגְט פַאר ... נֵרוֹ יָאִיר אִיז גֶעוֶוען אַז אִיךְ וִויל אַ קִיאַסְק, אִיךְ וִויל אַז אֵיין מִשְׁפָּחָה וֵוייניגֶער זָאל הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאון.

### אָנְלַיין אִיז נִישְׁט עֶרְגֶער דִי רְאִיַּת אֲסוּרוֹת

אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן אִינְדֶערְהֵיים קַיין קָאמְפְּיוּטֶער, קַיין טֶעלֶעפָאן, קַיין אִינְטֶערְנֶעט, און אִיךְ וִויל מֶען זָאל קֶענֶען לֶעבְּן, מֶען זָאל הָאבְּן וואוּ צוּ גֵיין אַיינְקוֹיפְן אָנְלַיין. מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן: "מֶען מֶעג אַיינְקוֹיפְן אָנְלַיין, עֶס קוּמְט דָאךְ אַרוֹיף בִּילְדֶער?" דֶער תְּשׁוּבָה אוֹיף דֶעם אִיז: אָנְלַיין אִיז נִישְׁט עֶרְגֶער דִי רְאִיַּת אֲסוּרוֹת, וַוייל וֶוען דוּ גֵייסְט אַרַיין אִין אַ גְרוֹיסֶע גוֹיִ'אִישֶׁע גֶעשֶׁעפְט קוּמְט אוֹיךְ אַרוֹיף דִי בִּילְדֶער, נָאר אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ אֵייגֶענֶע קָאמְפְּיוּטֶער אִינְדֶערְהֵיים וֶועסְטוּ אַרַיינְפַאלְן אִין דֶעם, אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט גֵיין צוּ אַ קִיאַסְק וֶועסְטוּ נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין דֶעם.

אוֹיף דֶעם אָרְט אִיז נִיט גִיוֶוען דֶער סֵדֶר אַז דִי שִׁיפְן זָאלְן אַהִין אָנְקוּמֶען. וָוארִין סֶע אִיז גִיוֶוען מִדְבָּר. אִיבֶּער דֶעם הָאבְּן זֵיי זִיךְ נִיט גִירֶעכְט דָארְט אַז סֶע זָאל עֶפֶּעס אַ שִׁיף אָנְקוּמֶען אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אוּמְקֶערִין אַהֵיים. זֶענֶען זֵיי דָארְט גִיגַאנְגֶען אִין דֶער מִדְבָּר זִיךְ זוּכִין עֶסִין. אוּן זֵיי זֶענֶען צוּשְׁפְּרֵייט גִיוָוארִין אַהִין אוּן אַהֶער אִיטְלִיכֶער בַּאזוּנְדֶער.

אִיז דֶער בָּחוּר גִיגַאנְגֶען אִין דֶער מִדְבָּר. אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן גִיגַאנְגֶען בִּיז עֶר הָאט זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט פוּן דֶעם בָּארְטְן אוּן עֶר הָאט זִיךְ גִיוָואלְט אוּמְקֶערְן. אוּן עֶר הָאט שׁוֹין נִיט גִיקֶענְט. אוּן וָואס עֶר הָאט זִיךְ גִיוָואלְט אוּם קֶערִין אִיז עֶר אַלְץ מֶער דֶערְוַוייטֶערְט גִיוָוארִין.

## בְּרוּדֶער שְׁטַארְק זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ!

דָא אִיז דֶער רֶבִּי מְרַמֵּז אַז יֶעדֶעס מָאל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁפִּירְט עֶר כְּאִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט, אוּן ווִי מֶער עֶר ווִיל וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלְץ אַ גְרֶעסֶערֶע דֶערְוַוייטֶערוּנְג שְׁפִּירְט עֶר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶער אַ מֶענְטְשׁ טָאר נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן דֶערְפוּן, נָאר עֶר דַארְף ווִיסְן אַז אַזוֹי גֵייט עֶס בַּיי יֶעדְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל זֶען צִי עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, אוּן אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח): "**כְּשֶׁאָדָם נִכְנָס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֲזַי הַדֶּרֶךְ - שֶׁמַּרְאִין לוֹ הִתְרַחֲקוּת, וְנִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מִלְמַעְלָה, וְאֵין מַנִּיחִין אוֹתוֹ כְּלָל לִכָּנֵס לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם**", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הֵייבְּט עֶר אָן שְׁפִּירְן כְּאִילוּ מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, עֶר שְׁפִּירְט ווִי מֶען שְׁטוּפְּט אִים אַוֶועק פוּן הִימְל וְכוּ' וְכוּ', "**וּבֶאֱמֶת כָּל הַהִתְרַחֲקוּת הוּא רַק כֻּלּוֹ הִתְקָרְבוּת**", אָבֶער דָאס אִיז נָאר אַ וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען ווִיל דֶערְנֶענְטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען ווִיל זֶען ווִי עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן עֶר קוּמְט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, דַאן וֶועט עֶר אַלֶעס אַרִיבֶּער גֵיין אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת וָואס זֶענֶען נָאר פַארְהַאן; ... "**וְכָל הַנַּ"ל עָבַר עַל כָּל הַצַּדִּיקִים, כַּאֲשֶׁר שָׁמַעְנוּ מִפִּיהֶם בְּפֵרוּשׁ**", אוּן דִי אַלֶע סָארְט בִּלְבּוּלִים אוּן מַחֲשָׁבוֹת גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אַלֶע צַדִּיקִים, אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעהֶערְט פוּן זֵיי אַלֵיינְס, "**שֶׁנִּדְמֶה לָהֶם שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֵין מִסְתַּכֵּל וּפוֹנֶה אֲלֵיהֶם כְּלָל**", אִין אָנְהֵייבּ זֶעט זֵיי אוֹיס ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיף זֵיי.

אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער: "**וְצָרִיךְ לִהְיוֹת עַקְשָׁן גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם לִבְלִי לְהָנִיחַ אֶת מְקוֹמוֹ, דְּהַיְנוּ מְעַט מִקְצָת עֲבוֹדָתוֹ שֶׁהִתְחִיל - אַף אִם יַעֲבֹר עָלָיו מָה**", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם - סֵיי אִין תּוֹרָה סֵיי אִין תְּפִלָּה, "**וּזְכֹר דָּבָר זֶה הֵיטֵב, כִּי תִּצְטָרֵךְ לָזֶה מְאֹד כְּשֶׁתַּתְחִיל קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם**", גֶעדֶענְק גוּט וָואס אִיךְ זָאג דִיר - זָאגְט דֶער רֶבִּי - וַוייל וֶוען דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ דָאס דַארְפְן גוּט ווִיסְן, "**כִּי צָרִיךְ עַקְשָׁנוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד לִהְיוֹת חָזָק וְאַמִּיץ, לֶאֱחֹז עַצְמוֹ לַעֲמֹד עַל עָמְדוֹ, אַף אִם מַפִּילִין אוֹתוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, בְּכָל פַּעַם**", וַוייל מֶען דַארְף זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן נִישְׁט אוֹיפְצוּהֶערְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען מֶען זֶעט אַז דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם, "**כִּי לִפְעָמִים יֵשׁ שֶׁמַּפִּילִין אֶחָד מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, כַּיָּדוּעַ, אַף עַל פִּי כֵן עָלָיו לַעֲשׂוֹת אֶת שֶׁלּוֹ, לַעֲשׂוֹת מַה שֶּׁיּוּכַל בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם וְאַל יַנִּיחַ עַצְמוֹ לִפֹּל לְגַמְרֵי, חַס וְשָׁלוֹם**", וַוייל אֲפִילוּ מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל טָאר מֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן אָפְּלָאזְן וְכוּ', נָאר מֶען דַארְף וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט וָואס מֶען קֶען נָאר, "**כִּי כָל אֵלּוּ הַנְּפִילוֹת וְהַיְּרִידוֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה, צְרִיכִים בְּהֶכְרֵחַ לַעֲבֹר בָּהֶם קֹדֶם שֶׁנִּכְנָסִין בְּשַׁעֲרֵי הַקְּדֻשָּׁה**", וַוייל דָאס וָואס מֶען פַאלְט אַרָאפּ - דָאס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם פַאר מֶען אִיז זוֹכֶה אַרַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי קְדוּשָּׁה, "**וְגַם הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים עָבְרוּ בְּכָל זֶה**", אוּן אַלֶע אֱמֶת'עֶ צַדִּיקִים זֶענֶען דָאס אַרִיבֶּער.

וַוייל פּוּנְקְט וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטֵייט שׁוֹין פַאר דִי טוֹיעֶרְן פוּן קְדוּשָּׁה דֶעמָאלְט טוּט זִיךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פַארְלֵייגְן אוֹיף אִים עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען אַרַיינְקוּמֶען אִין דִי קְדוּשָּׁה, אוּן אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען גָאר אַסַאךְ הִתְחַזְּקוּת זִיךְ צוּ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט: "**וְשָׁמַעְנוּ מִצַּדִּיק אֲמִתִּי שֶׁאָמַר**", הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַן אֱמֶת'ן צַדִּיק וָואס הָאט גֶעזָאגְט, "**שֶׁאִלּוּ הָיָה אוֹמֵר לוֹ אֶחָד, יִהְיֶה מִי שֶׁיִּהְיֶה, בְּעֵת שֶׁעָסַק בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בִּתְחִלָּתוֹ**", אַז אוֹיבּ וָואלְט אִיךְ גֶעהַאט אֵיינֶעם וָואס זָאל מִיר זָאגְן אִין מַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן וֶוען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**אָחִי, חֲזַק וֶאֱחֹז עַצְמְךָ**", "בְּרוּדֶער שְׁטַארְק זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ", "**הָיִיתִי רָץ וּמִזְדָּרֵז מְאֹד בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ**", וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טוּן אַסַאךְ מֶער אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם"; "**כִּי גַּם עָלָיו עָבַר כָּל הַנַּ"ל**", וַוייל אוֹיף אִים אִיז אוֹיךְ אַרִיבֶּער דִי אַלֶע שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, "**וְלֹא הָיָה שׁוֹמֵעַ שׁוּם הִתְחַזְּקוּת מִשּׁוּם אָדָם**", אוּן קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין שׁוּם חִיזּוּק וֶוערְטֶער. [עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמֵיינְט מִיט דֶעם זִיךְ אַלֵיינְס].

## אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל פְּרוּבִּירְט...

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה, עֶר הָאט דָאךְ אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, וָואס אִיז אַ חֵלֶק אֱלוֹקַי מִמַּעַל, אַ חֵלֶק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר ווִיל זַיין גוּט אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז נָאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט: 'אִיךְ וֶועל שׁוֹין נִישְׁט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וַוייל אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל פְּרוּבִּירְט אָנְצוּהֵייבְּן לֶערְנֶען אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל פְּרוּבִּירְט אָנְצוּהֵייבְּן דַאוֶוענֶען אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל פְּרוּבִּירְט אָנְצוּהֵייבְּן צוּ הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, אִיךְ בִּין נָאכְאַמָאל דוּרְכְגֶעפַאלְן; פַארְוָואס זָאל אִיךְ נָאךְ בִּכְלַל פְּרוּבִּירְן נָאכְאַמָאל?! אִיךְ זֶע דָאךְ קְלָאר אַז עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אִיז נִישְׁט פַאר מִיר, ווִיפִיל מָאל אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר צוּ זַיין גוּט אוּן עֶרְלִיךְ אַלְץ מֶער פַאל אִיךְ אַרָאפּ רַחֲמָנָא לִצְלָן', דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ ווִיסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, דִי אַלֶע 'נְפִילוֹת' וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער, זֶענֶען נִישְׁט קַיין 'נְפִילוֹת', דָאס הֵייסְט נִישְׁט אַרָאפְּגֶעפַאלְן, נָאר דָאס זֶענֶען סְפֶּעצִיעֶל גֶעשְׁטֶעלְט פוּן הִימְל צוּ אוֹיסְפְּרוּבִּירְן דֶעם מֶענְטְשׁ צִי זֶען אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען נָאכְדֶעם שְׁטַארְקְן אוּן נָאכְאַמָאל אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ, אֲפִילוּ עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

## אִיךְ בִּין חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן?

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (מִדְרָשׁ תַּנְחוּמָא פָּרָשַׁת בְּרֵאשִׁית, סִימָן א וְעַיֵּן עוֹד בִּירוּשַׁלְמִי, עֲבוֹדָה זָרָה, פֶּרֶק ג, הֲלָכָה א): עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט רֶבִּי אַבָהוּ, "**כְּשֶׁהָיָה מִסְתַּלֵּק מִן הָעוֹלָם, הֶרְאָה לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן**", אֵיידֶער עֶר אִיז אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעווִיזְן זַיין שְׂכַר וָואס עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען אִין גַּן עֵדֶן, דְרַייצְן טַייכְן פוּן אֲפַרְסְמוֹן. "**הִתְחִיל לוֹמַר בִּשְׁעַת מִיתָה לְתַלְמִידָיו, אַשְׁרֵיכֶם עוֹסְקֵי הַתּוֹרָה**", הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים: "וואוֹיל אִיז עֶנְק אַז עֶטְץ לֶערְנְטְס תּוֹרָה". "**אָמְרוּ לוֹ: רַבֵּנוּ, מָה רָאִיתָ?**" הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט: "רֶבִּי, וָואס הָאסְטוּ גֶעזֶען?" "**אָמַר לָהֶם: שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן נָתַן לִי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּשְׂכַר תּוֹרָתִי**", הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "דְרַייצְן טַייכְן פוּן אֲפַרְסְמוֹן הָאט מִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן אַלְס שְׂכַר פוּן מַיין לֶערְנֶען תּוֹרָה. "**הִתְחִיל לוֹמַר: "וַאֲנִי אָמַרְתִּי לְרִיק יָגַעְתִּי לְתֹהוּ וְהֶבֶל כֹּחִי כִלֵּיתִי אָכֵן מִשְׁפָּטִי אֶת ה' וּפְעֻלָּתִי אֶת אֱלֹקָי**" (יְשַׁעְיָה מט, ד)", הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעפְּלָאגְט אוּמְזִיסְט, אוּן יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט מִיר פַאר מַיין לֶערְנֶען".

סְתָּם אַזוֹי וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי מִדְרָשׁ טְרַאכְט מֶען נָאר פוּן דֶעם אַז אַ צַדִּיק בַּאקוּמְט אַ גְרוֹיסֶע שְׂכַר אִין גַּן עֵדֶן, אָבֶער מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט צוּ טְרֶעפְן דִי הִתְחַזְּקוּת וָואס מֶען זֶעט פוּן דֶעם. לָאמִיר אַרַיינְטְרַאכְטְן אִין דִי מַעֲשֶׂה; פוּן וֶועמֶען רֶעדְט מֶען דָא? פוּן דֶער הֵיילִיגֶער אֲמוֹרָא 'רֶבִּי אַבָהוּ'! גַאנְץ שַׁ"ס אִיז דָאךְ פִיל מִיט 'אָמַר רֶבִּי אַבָהוּ...' אִיז שְׁוֶוער ווִי אַזוֹי קֶען זַיין אַז עֶר הָאט גֶעמֵיינְט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן אַז עֶר פְּלָאגְט זִיךְ אוּמְזִיסְט אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים גָארְנִישְׁט בַּאצָאלְן אַלְס שְׂכַר פוּן זַיין לִימּוּד הַתּוֹרָה? נָאר דָא זֶעט מֶען אַז אֲפִילוּ אַזַא גְרוֹיסֶער צַדִּיק ווִי רֶבִּי אַבָהוּ הָאט אוֹיךְ גֶעמֵיינְט עֶר טוּט גָארְנִישְׁט אוֹיף מִיט זַיין לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף נִישְׁט זַיין לֶערְנֶען, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט: 'אִיךְ בִּין חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן?' 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט הֲנָאָה פוּן מַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם?' דֶערְפַאר הָאט עֶר זִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט אַז עֶר וֶועט גָארְנִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין שְׂכַר אוֹיף זַיינֶע מִצְוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן.

אוּן דָאס אִיז דֶער נִסָּיוֹן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע אַז עֶר מַאכְט שְׁפִּירְן דֶעם מֶענְטְשׁ כְּאִילוּ קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט, אוּן זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם וָואס עֶר טוּט אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אָבֶער בַּיים סוֹף, אֵיידֶער דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, וַוייזְט מֶען אִים ווִי אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן גוּטְס - וֶועט עֶר וֶוערְן בַּאלוֹינְט לְעוֹלָם הַבָּא, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט יָא הֲנָאָה אוּן אַ נַחַת רוּחַ פוּן יֶעדֶעמְס מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

בִּיז עֶר הָאט גִיזֶעהְן אַז עֶר קָאן זִיךְ שׁוֹין נִיט אוּמְקֶערִין. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען

אוּן גִיגַאנְגֶען. אִין דֶער מִדְבָּר. אוּן עֶר הָאט גִיהַאט אִין דֶער הַאנְט אַ בּוֹיגְן וָואס עֶר הָאט זִיךְ מַצִיל גִיוֶוען אַ קֶעגְן דִי חַיוֹת רָעוֹת פוּן דֶער מִדְבָּר.

## 'תְּפִלָּה' אִיז אַזוֹי וִוי פַייְלְן פוּנֶעם בּוֹיגְן

וָואס אִיז דֶער בּוֹיגְן וָואס רַאטֶעוֶועט פוּן שְׁלֶעכְטֶע חַיוֹת? 'תְּפִלָּה'! אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן פג) אַז 'תְּפִלָּה' אִיז אַזוֹי וִוי דִי פַייְלְן פוּנֶעם בּוֹיגְן; וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה וִוי אַזוֹי צוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט פוּן שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חַיוֹת נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה, וָואס דָאס הִיט אוּן רַאטֶעוֶועט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶס.

תְּפִלָּה אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק אַז דָאס קֶען טוֹישְׁן דִי טֶבַע, 'תְּפִלָּה' אִיז הֶעכֶער פוּן דִי טֶבַע, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רנ): **"הַטֶּבַע מְחַיֵּב כָּךְ, וּתְפִלָּה מְשַׁנָּה הַטֶּבַע"**, תְּפִלָּה אִיז מְשַׁנֶּה דִי טֶבַע. אַז מֶען בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען פּוֹעֵל'ן אֲפִילוּ אַזֶעלְכֶע זַאכְן וָואס זֶענֶען פַארְקֶערְט פוּן דִי דֶרֶךְ הַטֶּבַע.

**אוּן וִוי עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען. הָאט עֶר זִיךְ דָארְט גִיפוּנֶען עֶפֶּעס עֶסְן. אוּן עֶר אִיז אַזוֹי גִיגַאנְגֶען אוּן גִיגַאנְגֶען בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן דֶער מִדְבָּר. אוּן עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּ אֵיין אָרְט. וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען אַ לֵיידִיק אָרְט. אוּן סֶע אִיז דָארְט גִיוֶוען וַואסֶער אוּן בֵּיימֶער אַרוּם פוּן פֵּירוֹת. אוּן עֶר הָאט גִיגֶעסְן פוּן דִי פֵּירוֹת אוּן הָאט גִיטְרוּנְקֶען פוּן דֶעם וַואסֶער.**

**אוּן עֶר הָאט זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען אִין דֶער דֵיעָה. אַז עֶר זָאל דָארְט אַוֶועק זִיצְן וַוייל עֶר וֶועט לֶעבְן. וָוארְן בְּלוֹיז אִיז זִיךְ אִים שׁוֹין שְׁוֶוער אוּם צוּ קֶערְן זִיךְ אִין יִשׁוּב אַרַיין. אוּן וֶוער וַוייסְט צוּ עֶר וֶועט נָאךְ קוּמֶען צוּ אַזוֹי אֵיין אָרְט. אַז עֶר וֶועט דָאס אָרְט אַוֶועק לָאזְן. אוּן וֶועט פוּן דַאנֶעט אַוֶועק גֵיין.**

## נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן דֶעם צַדִיק

זֶעט מֶען פוּן דָא זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע שֵׂכֶל אִין לֶעבְּן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּ אַ צַדִיק אוּן דֶער צַדִיק שְׁטֶעלְט אִים אוֹיף דִי פִּיס, עֶר לֶערְנְט אִים אַ וֶועג אִין אַלֶע סָארְטְן מַצָּבִים אִין לֶעבְּן - זָאל עֶר חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן דֶעם צַדִיק, אַזוֹי וִוי דֶער בָּחוּר זָאגְט דָא, אַז עֶר וִויל דָא בְּלַייבְּן, עֶר וִויל נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶעם פְּלַאץ, וַוייל וֶוער וֵוייסְט צוּ עֶר וֶועט נָאךְ טְרֶעפְן אַזַא גוּטֶע פְּלַאץ וִוי עֶר הָאט דָא גֶעטְרָאפְן; אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ צוּ דֶערְוִויסְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת אוּן לִימוּדִים פוּנֶעם רֶבִּי'ן, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זוּכְן אַוֶועקְצוּגֵיין פוּן אַזַא רֶבִּי?! וואוּ וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַ אַנְדֶערֶע פְּלַאץ וָואס וֶועט דִיר זַיין בֶּעסֶער פוּן דָא?!

## מִיט אַ הוּנְט (פָּאפִּי בְּלַעַ"ז) אִינְדֶערְהֵיים...

וָואס אִיז אַ 'בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד'? מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַזוֹי מוֹרָא פוּן דֶעם וָוארְט 'בְּרֶסְלֶב', בַּיי מֶענְטְשְׁן אִיז אַלֶעס בַּארֶעכְטִיגְט אוֹיסֶער 'בְּרֶסְלֶב'; אֵיין זוּן אִיז גֶעוָוארְן אַ חָסִיד פוּן יֶענֶעם רֶבִּי'ן, אֵיין זוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁנַיידְן דִי בָּארְד, אֵיין זוּן וואוֹינְט מִיט אַ הוּנְט (פָּאפִּי בְּלַעַ"ז) אִינְדֶערְהֵיים, אוּן אֵיין זוּן אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן, נָאר אוֹיף זַיינֶע בֵּיינֶער דַארְף מֶען זִיךְ נֶעמֶען: "וֶוער מִיר נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶבְ'עֶר...!"

## אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אֲפִילוּ אִין יָאר 2021 (לְמִסְפָּרָם)!

וָואס אִיז בְּרֶסְלֶב? פַארְוָואס וִויל עֶר דֶער רֶבִּי? עֶר וִויל סַךְ הַכֹּל הֶערְן פוּנֶעם רֶבִּי'ן אַז עֶס אִיז דָא פַאר אִים וֶועג צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דֶער רֶבִּי אִיז אִים מְחַזֵּק אַז מֶען קֶען נָאךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אֲפִילוּ אִין יָאר 2021 (לְמִסְפָּרָם)! דֶער רֶבִּי זָאגְט מִיר: גֵיי אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס דוּ דַארְפְסְט; דֶער רֶבִּי אִיז מִיר מְחַזֵּק צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל גְמָרָא; דֶער רֶבִּי זָאגְט מִיר (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן עו): דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט פַאר גְמָרָא קַיין גוּטֶע קָאפּ, קַיין חַבְרוּתָא, קַיין מִסְגֶרֶת, קַיין חַבּוּרָה, נָאר עֶפְן דִי גְמָרָא אוּן הֵייבּ אָן זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער.

## אִיךְ לֶערְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן

אִין דִי וֶועלְט אִיז דָאס אַ גֶעשְׁפֶּעט "דוּ זָאגְסְט גְמָרָא?!" אָבֶּער וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער עֶטְלִיכֶע יָאר, גֶעבּ אַ קוּק וִוי אַזוֹי מַיין אִידִישְׁקֵייט קוּקְט אוֹיס אוּן וִוי אַזוֹי דַיין אִידִישְׁקֵייט קוּקְט אוֹיס, וִוי אַזוֹי מַיין שְׁטוּבּ קוּקְט אוֹיס אוּן וִוי אַזוֹי דַיין שְׁטוּבּ קוּקְט אוֹיס. עֶס אִיז דָא אַלֶע מִינֵי לֵיצָנוּת אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מֶענְטְשְׁן זָאגְן: מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיסְוַואקְסְן קַיין דַיָּין אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיפְ'ן 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד'... אִיךְ לֶערְן נִישְׁט צוּ וֶוערְן אַ דַיָּין, אִיךְ לֶערְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל מִיר זָאלְן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דָא אִין יְשִׁיבָה תַּלְמִידִים (וָואס אִיךְ קֶען נִישְׁט דֶערְמַאנֶען קַיין נֶעמֶען), וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה הָאבְּן זֵיי גֶעדַארְפְט גְרוֹיס רַחֲמֵי שָׁמַיִם זֵיי זָאלְן קֶענֶען צוּרִיק קוּמֶען פוּן וואוּ זֵיי זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן, אִין דִי עֶרְגְסְטֶע זַאכְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּי'נְס דֶרֶךְ הַלִימוּד בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן אַסַאךְ דַפִּים גְמָרָא - הָאט דָאס זֵיי אוֹיסְגֶעוַואשְׁן אוּן אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט, הַיינְט זֶענֶען זֵיי טֵייעֶרֶע חָשׁוּבְ'עֶ אִינְגֶעלַייט.

## דָאס אִיז נָאר אַ מִנְהָג?!

עֶס אִיז דָא אִינְגֶעלַייט וָואס אַלְס בָּחוּר זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען דִי מְצֻיָּנִים פוּן דִי יְשִׁיבָה, מַמָּשׁ דִי גַאנְצֶע יְשִׁיבָה הָאט גֶע'רַעֲשְׁ'ט מִיט זֵיי, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט פָּשׁוּטְ'עֶ דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶערְנֶען אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶערְנֶען אִיז גֶעוֶוען צוּ הִיטְן אוֹיף זֵייעֶר גוּטֶער נָאמֶען, פְּלוּצְלִינְג וֶוען עֶר הָאט חֲתוּנָה זֶעט מֶען וִוי עֶר הֵייבְּט אָן שְׁנַיידְן דִי בָּארְד הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אֵיינֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז אַ בָּארְד אִיז נָאר אַ 'מִנְהָג'... אוּן הֵייסְט זַיין וַוייבּ אִיר קְלֵייד זָאל זַיין קֶערְצֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אוּן זִי זָאל זִיךְ נִישְׁט שֶׁערְן דִי הָאר רַחֲמָנָא לִצְלָן, וַוייל אֵיינֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז דָאס זֶענֶען אוֹיךְ נָאר 'מִנְהָגִים'... **[אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע בְּרֶען אוּן פַייעֶר]**: דָאס אִיז נָאר אַ מִנְהָג?! קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי זָאגְט (נָשֹׂא קכה:) וָואס פַּאסִירְט וֶוען אַ אִינְגֶערְמַאן לָאזְט זַיין וַוייבּ גֵיין מִיט אֵייגֶענֶע הָאר: **'תּוּנְבָּא לֵיתֵי'**, אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, **'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ'**, אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, **'דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ'**, וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ, **'דְּתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר'**, אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען. **'וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְבֵיתָהּ'**, אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְרוֹי; זָאגְט וַוייטֶער דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: **'וְאִתְּתָא דְאַפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר'**, אוּן אַ פְרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, **'לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ'**, זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, **'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא'**, אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, **'וְגָרִים לִבְנָהָא דְלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא'**, אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב, **'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְשַׁרְיָא בְּבֵיתָא'**, אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זַיין אִין אִיר שְׁטוּבּ. **'מַאן גָּרִים דָא'**, וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? **'הַהוּא שַׂעֲרָא דְאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר'**, דִי פְרוֹי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס. דָאס אַלֶעס קוּמְט וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר דֶעם אִינְגֶערְמַאן דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן אִידִישְׁקֵייט, דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן פַּשְׁטוּת יַהֲדוּת, עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי אַלֶע זַאכְן.

## דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ צֶעפַאלְט רַחֲמָנָא לִצְלָן

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים: דָארְט וואוּ דוּ הָאסְטוּ גֶעלֶערְנְט אַלְס בָּחוּר טָאר מֶען נִישְׁט הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים פוּן רֶבִּי'ן, אַז דוּ וֶועסְט פְּרוּבִּירְן צוּ גֵיין הֲפָצָה אִין יֶענֶע יְשִׁיבָה וֶועט מֶען דִיר אַרוֹיסְטְרָאגְן, "מִיר זֶענֶען דִי בֶּעסְטֶע יְשִׁיבָה, מִצִיּוֹן, מִצִיּוֹן, מִצִיּוֹן..." [אִין אָנְהֵייבּ וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפֶענְט דִי יְשִׁיבָה בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּיי אַ חֲתוּנָה פוּן אַ חָתָן וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט אִין יֶענֶעם יְשִׁיבָה, אוּן מֶען הָאט מִיר גֶעשְׁטוּיסְן אוּן כִּמְעַט צֶעבְּרָאכְן מַיינֶע פִּיס...] עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי, מֶען לֶערְנְט דָארְט זֵייעֶר פְלַייסִיג, אָבֶּער דֶער עִיקָר אִיז דָאךְ אַרַיינְלֵייגְן אֱמוּנָה אוּן תְּמִימוּת אִין דִי בָּחוּרִים, אַ בָּחוּר וָואס מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּ אִים אַסַאךְ דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה אַלְס בָּחוּר, קֶען עֶר לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אָבֶּער נָאךְ דִי חֲתוּנָה טְרֶעפְט עֶר שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים וָואס זָאגְן אִים: דִי בָּארְד אִיז נָאר אַ 'חֲסִידוּת', פֵּיאוֹת אִיז נָאר אַ 'מִנְהָג', מִקְוֶה אִיז נָאר אַ 'אַיינְרֶעדֶענִישׁ', נֶעגְל וַואסֶער אִיז נָאר אַ 'פַאנַאטִישְׁקֵייט'... אוּן אַזוֹי וֶוערְט דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ אוֹיס, דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ צֶעפַאלְט רַחֲמָנָא לִצְלָן. נֶעכְטְן הָאט אִים נִישְׁט גֶעפַּאסְט צוּ רֶעדְן מִיט בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים, וַוייל עֶר אִיז פִיל חָשׁוּבְ'עֶר פוּן זֵיי... אוּן וִוי אַזוֹי קוּקְט עֶר הַיינְט אוֹיס?! וִוי אַזוֹי קוּקְט אוֹיס זַיין אִידִישְׁקֵייט?! עֶס אִיז שׁוֹין גָארְנִישְׁט אִיבֶּער גֶעבְּלִיבְּן פוּן אִים אוּן זַיין גַאנְצֶע שְׁטוּבּ לֹא עָלֵינוּ.

## דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן בְּלַייבְּן אִידְן!

וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט נָאךְ דֶעם וֶועג וָואס צַדִיקִים לֶערְנֶען, זֵיי הָאבְּן אוּנְז גֶעלֶערְנְט דִי יְסוֹדוֹת וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן אַ שְׁטוּבּ עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען דֶערְפוּן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

ווי אַזוֹי קֶען מֶען בּוֹיעֶן אַ שְׁטוּב? אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אַז זַיין שְׁטוּב זָאל זִיךְ פִּירְן אוֹיף דִי גוּטֶע וֶועג, נָאר דִי כֹּחַ פוּן דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, פוּן דִי הֵיילִיגֶע מִשְׁנַיוֹת - דָאס גֶעבְּט שְׁטַארְקַייט אַז מֶען זָאל קֶענֶען בְּלַייבְּן אַ אִיד; אַז דוּ וֶועסְט יֶעדְן טָאג עֶפֶענֶען דִי גְמָרָא אוּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, וֶועסְטוּ בְּלַייבְּן אַ אִיד אוּן דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן בְּלַייבְּן אִידְן!

## אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ גֶעבְּן וִויפִיל גֶעלְט אִיר וִוילְט

נֶעם אַ חוּמָשׁ אוּן הֵייבּ אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין. זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אַז מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זַיין זִיכֶער אַז מֶען וֶועט עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה. וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעקוּמֶען דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל אִין יְשִׁיבָה הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר דִי בָּחוּרִים: **"גֵייט אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן אוּן שְׁטֶעלְט אָפּ סַיי וֶועלְכֶע בָּחוּר, אוּן פְרֶעג אִים צִי עֶר הָאט שוֹין גֶעעֶנְדִיגְט אֵיין סֵפֶר פוּן חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ גֶעבְּן וִויפִיל גֶעלְט אִיר וִוילְט אַז אִיר טְרֶעפְט אֵיינֶעם"**, וַוייל אַז מֶען לֶערְנְט נָאר פַאר דִי אֵייגֶענֶע כָּבוֹד, מֶענְטְשְׁן זָאלְן וִויסְן פוּן מִיר וְכוּ', דֶעמָאלְט אִיז מֶען נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה, מֶען דִינְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דִינְט זִיךְ...

**אִיבֶּער דֶעם הָאט עֶר גֶעוָואלְט דָארְט אַוֶועק זִיצְן. אוּן עֶר זָאל דָארְט אִיבֶּער לֶעבְּן דִי וֶועלְט. וָוארְן סֶע אִיז אִים דָארְט גוּט גִיוֶוען. וָוארְן עֶר הָאט זִיךְ גִיהַאט דִי פֵּירוֹת צוּ עֶסְן. אוּן וַואסֶער צוּ טְרִינְקֶען. אוּן אַמָאל פְלֶעגְט עֶר זִיךְ אַרוֹיס גֵיין אוּן פְלֶעגְט זִיךְ שִׁיסְן מִיט זַיין בּוֹיגְן אַ הָאז אָדֶער אַ הֶערְשׁ הָאט עֶר גִיהַאט פְלֵייש צוּ עֶסְן. אוּן עֶר פְלֶעגְט זִיךְ דָארְט הַאפְּן פִּישׁ וָוארְן דָארְט אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר גוּטֶע פִּישׁ אִין דֶעם וַואסֶער. אִיז אִים גִיפֶעלְן אַז עֶר זָאל דָארְט אִיבֶּער לֶעבְּן זַיינֶע יָארְן.**

## חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב

הַיינְט אִיז אַ גְרוֹיסֶער טָאג, אִינֶעם הַיינְטִיגְן טָאג קֶען מֶען פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת, וַוייל עֶס אִיז 'חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב', וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוֹיף דֶעם טָאג (תַּעֲנִית כו:): **"לֹא הָיוּ יָמִים טוֹבִים לְיִשְׂרָאֵל כַּחֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב וּכְיוֹם הַכִּפּוּרִים"**, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע טֶעג בַּיי אִידְן וִוי 'יוֹם כִּיפּוּר' אוּן 'חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב'.

הַיינְט אִיז אַ גוּטֶע צַייט זִיךְ בַּאנַייעֶן מִיט אַ פְרִישֶׁע הַתְחָלָה צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תוֹרָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שָׁם לא.): "מִכָּאן וְאֵילָךְ דְמוֹסִיף יוֹסִיף", דֶער וָואס נֶעמְט זִיךְ פַאר פְרִישֶׁע קַבָּלוֹת טוֹבוֹת פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב - וֶועט לֶעבְּן לַאנְג.

## מוֹסִיף זַיין מִיט לֶערְנֶען

וָואס זָאל מֶען מוֹסִיף זַיין? דִי בָּחוּרִים זֶענֶען מוֹסִיף מִיטְ'ן לֶערְנֶען; מֶען עֶנְדִיגְט יֶעדְן טָאג 'מַסֶּכֶת תַּעֲנִית' - פֶערְצִיג טֶעג אִין אֵיין צִי, פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה, אַלֶע טוּעֶן דִי סְגוּלָּה פוּן מוֹהֲרָא"שׁ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת.

גֶעוֶוען אִיז דָאס זוּמֶער שְׁנַת תשע"א, מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אִין קֶעמְפּ "מַחֲנֶה תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב" - עֶלֶענְוִויל נְיוּ יָארְק, דִי דְרִיטֶע יָאר פוּן וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפֶענְט דִי יְשִׁיבָה. דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אֵיין חָתָן אִין יְשִׁיבָה, וַוייל מֶען הָאט זֵייעֶר מְבַזֶּה גֶעוֶוען דִי יְשִׁיבָה, אוּן מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיף מִיר אוּן אוֹיף דִי יְשִׁיבָה וְכוּ', וָואס דָאס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַז מֶענְטְשְׁן הָאבְּן מוֹרָא גֶעהַאט צוּ נֶעמֶען אַ בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה פַאר אַן אֵיידֶעם. יֶעדֶעס מָאל מֶען הָאט אָנְגֶעטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ פַאר אֵיינֶעם, אוּן יֶענֶער הָאט גֶעהֶערְט אַז דֶער בָּחוּר לֶערְנְט אִין בְּרֶסְלֶב, הָאט יֶענֶער גְלַייךְ אַרָאפְּגֶעהַאקְט דֶעם טֶעלֶעפָאן.

אִיךְ הָאבּ דֶעמָאלְט גֶעשְׁרִיבְּן בְּרִיוְון פַאר מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַז דִי בָּחוּרִים וֵויינֶען צוּ מִיר, זֵיי וִוילְן חֲתוּנָה הָאבְּן וְכוּ', אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז עֶר גֵייט קוּמֶען חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב אִין קֶעמְפּ מַאכְן אַ סְעוּדָה, אוּן עֶר גֵייט בְּרֶענְגֶען שִׁידוּכִים. אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען, מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעקוּמֶען אִין קֶעמְפּ, אוּן מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ סְעוּדָה לְכָבוֹד חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, בַּיי דִי דְרָשָׁה הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט אַזוֹי: **"אִיךְ זָאג צוּ פַאר אַלֶע בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען זִיבְּעצְן יָאר אוּן הֶעכֶער, יֶעדֶער בָּחוּר וָואס וֶועט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען גַאנְץ מַסֶּכֶת תַּעֲנִית - פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זָאג אִיךְ צוּ אַז עֶר וֶועט טְרֶעפְן זַיין שִׁידוּךְ גְלַייךְ נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה"**; כַּאֲשֶׁר אָמַר כֵּן הָיָה, עֶס הָאט זִיךְ גְלַייךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען שִׁידוּכִים אֵיינְס נָאכְן צְוֵוייטְן, אוּן אַלֶע זֶענֶען חֲתָנִים גֶעוָוארְן אוּן חֲתוּנָה גֶעהַאט; אַזוֹי טוּעֶן דִי בָּחוּרִים יֶעדֶעס יָאר, מֶען פָאלְגְט אַ צַדִיק, מֶען טוּט דִי סְגוּלָּה אוּן מֶען זֶעט גְרוֹיסֶע נִיסִים.

## דוּ זָאג צֶען שׁוּרוֹת גְמָרָא

דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר הָאט גֶעזָאגְט זֵייעֶר שְׁטֵייט עִבְרִי, אִים הָאט גֶעדוֹיעֶרְט צוּ זָאגְן דֶעם 'תִּיקוּן הַכְּלָלִי' נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען אַ דְרֵיי פֶערְטְל שָׁעָה; אַלֶע בָּחוּרִים פְלֶעגְן עֶס זָאגְן גְלַייךְ נָאכְן דַאוֶוענֶען, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַיינְגֶעפִירְט אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, אַז מֶען זָאגְט דֶעם 'תִּיקוּן הַכְּלָלִי' מִיט דִי תְּפִילִין נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען, אָבֶּער פַאר דֶעם בָּחוּר פְלֶעגְט עֶס גֶעדוֹיעֶרְן זֵייעֶר לַאנְג, פְלֶעגְט עֶר קוֹדֶם אַרוֹיסְגֵיין עֶסְן פְרִישְׁטָאג אוּן נָאכְדֶעם צוּרִיק קוּמֶען עֶס זָאגְן, אִיז עֶר מִיר גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן וָואס זָאל עֶר טוּן, עֶר קֶען נִישְׁט עֶנְדִיגְן יֶעדְן טָאג גַאנְץ מַסֶּכֶת תַּעֲנִית, וֶועט עֶר נִישְׁט קֶענֶען טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ? הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: "דוּ זָאג יֶעדְן טָאג צֶען שׁוּרוֹת גְמָרָא פוּן מַסֶּכֶת תַּעֲנִית", דֶער בָּחוּר הָאט אַזוֹי גֶעטוּן, בְּמֶשֶׁךְ דִי גַאנְצֶע פֶערְצִיג טֶעג הָאט עֶר גֶעעֶנְדִיגְט אֵיין מָאל מַסֶּכֶת תַּעֲנִית אוּן הָאט אוֹיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעטְרָאפְן אַ שִׁידוּךְ אוּן חֲתוּנָה גֶעהַאט.

## מוֹסִיף זַיין מִיט תְּהִלִּים

אָבֶּער אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט זָאגְן מַסֶּכֶת תַּעֲנִית, אָדֶער אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט שוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פְרוֹיעֶן וָואס בַּיי זֵיי אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ קַיין לִימוּד הַתּוֹרָה, וָואס זָאלְן זֵיי מוֹסִיף זַיין? מִיטְ'ן זָאגְן תְּהִלִּים! אַז מֶען קֶען זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם 'יוֹם תְּהִלִּים' - אִיז גָאר גוּט, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן דֶעם גַאנְצְן 'יוֹם תְּהִלִּים' - זָאגְט מֶען וִויפִיל מֶען קוּמְט אָן.

## וַותְּרָן אִין שְׁטוּב

אַ אִינְגֶערְמַאן דֶערְצֵיילְט מִיר, עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיים שִׁיעוּר וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי בָּחוּרִים דִי סְגוּלָּה פוּן מַסֶּכֶת תַּעֲנִית, אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען פְרֶעגְן מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיבּ עֶר וֶועט זָאגְן פֶערְצִיג טֶעג מַסֶּכֶת תַּעֲנִית צִי עֶר וֶועט הָאבְּן אַ בֶּעסֶערֶע שָׁלוֹם בַּיִת? הָאט אִים מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל: **"מֶענְדְל מֶענְדְל, אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס וִויל הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת דַארְף זַיין אַ וַותְּרָן אִין שְׁטוּב"**.

## אַ שְׁמַאטֶע

דָאס מֵיינְט מֶען נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז דֶער מַאן דַארְף וֶוערְן אַ שְׁמַאטֶע פַאר זַיין וַוייבּ, דִי פְרוֹי זָאל אוֹיסְנִיצְן דָאס אִיז דֶער מַאן אִיז אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, וִוי דֶער רֶבִּי אִיז אוּנְז מְחַזֵּק צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ - קֶען זִי שוֹין טְשֶׁעפֶּען אוּן דֶערְנִידֶערְן דֶעם מַאן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אַ פְרוֹי קֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּ אִיר מַאן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ הוּנְט... אַז זִי רֶעדְט נִישְׁט שֵׁיין, זָאגְט מֶען אִיר שֵׁיינֶערְהֵייט: "פַארְוָואס רֶעדְסְטוּ צוּ מִיר אַזוֹי נִישְׁט שֵׁיין, דָאס טוּט מִיר וֵויי". דֶער עִיקָר וָואס מֶען דַארְף זֶען אִין שָׁלוֹם בַּיִת אִיז רֶעדְן שֵׁיין אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, זִיךְ נִישְׁט וֵויי טוּן אָדֶער טְשֶׁעפֶּען אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן.

## אוּמַאן - רֹאשׁ הַשָּׁנָה

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר גְרֵייטְן זִיךְ שוֹין צוּ פָארְ'ן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס רֹאשׁ הַשָּׁנָה; פַארְיָאר הָאבְּן מִיר נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אִין אוּמַאן, מֶען הָאט פַארְשְׁפַּארְט דִי גְרֶענִיץ צוּלִיבּ קָארָאנֶע, מִיר בֶּעטְן אוּן מִיר הָאפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי יָאר וֶועלְן מִיר יָא זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אִין אוּמַאן בַּיים רֶבִּי'ן, מֶען דַארְף נָאךְ אַסַאךְ תְּפִילוֹת אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען דָארְט זַיין אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דָאס וָואס מֶענְטְשְׁן פָארְן שוֹין יֶעצְט קַיין אוּמַאן אַלְס מוֹרָא אֶפְשָׁר וֶועט מֶען פַארְשְׁפַּארְן דִי גְרֶענִיץ; אִיךְ הָאבּ שוֹין עֶטְלִיכֶע מָאל גֶעזָאגְט, אַז אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז מוֹהֲרָא"שׁ וָואלְט נִישְׁט גֶעפָארְן אַזוֹי פְרִי, דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעהֵייסְן וואוֹינֶען אִין אוּמַאן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מִיר זָאלְן קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נִישְׁט פַאר עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים אִין יָאר. אֵיינֶער וָואס פָארְט יֶעצְט וֶוערְט נִישְׁט מַיין מִתְנַגֵּד, וֶוער עֶס וִויל שוֹין פָארְן קֶען פָארְן, אָבֶּער אִיךְ זָאג וָואס מוֹהֲרָא"שׁ וָואלְט גֶעזָאגְט דֶערוֹיף.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, אוּן אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.